**גוט שבת אלע אידן.** די הייליגע תורה דערציילט די וואך וועגן די בגדי כהונה. די גמרא איז מסביר אז דער כהן גדול האט געלייגט די תפילין של ראש צווישן דעם ציץ און דער מצנפת. (זבחים יט:) מען וואלט געקענט מיינען אז די חשובע בגדי כהונה זענען "דוחה" (זענען מער וויכטיג ווי) די תפילין. אבער ניין, מען זעט פון דא אז אפילו דער כהן גדול מוז זיין זייער מקפיד צו לייגן תפילין אויפן ריכטיגן פלאץ אויפן קאפ.

אויב איינער לייגט נישט זיין תפילין אויפן ריכטיגען פלאץ האט ער בכלל נישט מקיים געווען די מצוה. (קיצור של"ה דף לז). און דעמאלט מאכט ער א ברכה לבטלה, דער אייבערשטער זאל אפהיטן! וועגן דעם איז עס זייער וויכטיג צו זיין זייער פארזיכטיג וואו מען לייגט די תפילין. (קיינער זאל זיך נישט שעמען צו פרעגן א שאלת חכם וועגן דעם. און טאמער מען זעט איינעם וואס לייגט נישט אויפן ריכטיגען פלאץ, איז עס א גרויסע מצוה אים צו פארעכטן.) וועגן דעם איז כדאי יעצט צו דערציילן א מורא'דיגען מעשה וועגן תפילין, כדי אונז זאלן ווערן נתעורר צו מקיים זיין די מצוה ווי עס דארף צו זיין.

הערשל איז געווען איינער פון די גאר "גליקליכע" אידן אין די מלחמה טעג. די דייטשע ימ"ש האבן אים נישט גלייך געהרגט ווען זיי האבן איינגענומען זיין שטעטל. נאר זענען הערשל מיט אנדערע בחורים געשיקט געווארן צו אן ארבעטסלאגער. אין לאגער האט ער געדארפט ארבעטען לאנגע שעות אין א פאבריק וואס האט פראדעצירט באמבעס פאר די דייטשן ימ"ש. שווער האט ער געדארפט ארבעטן, אבער ער האט געלעבט! הערשל צוזאמען מיט די אנדערע ישיבה בחורים, האבן אפגעמאכט פון דער ערשטע רגע נישט צו עסן די טריפה'נע עסן אין לאגער.

א צווייטע זאך וואס הערשל האט אפגעמאכט איז געווען אז ער וועט זיך מוסר נפש זיין פאר די מצוה פון תפילין. הערשל האט מזכה געווען אסאך אנדערע אידן אין לאגער דורך לאזן זיי לייגן זיין תפילין. הערשל האט אוועקגעגעבן זיין זופ און פלייש פאר א סאלדאט אין לאגער כדי דער סאלדאט זאל אים זאגן ווען מען וועט באקוקן די שלאף שטוב צו זען אויב די אידן האבן געהאלטן זאכן וואס מען טאר נישט האלטן אזוי ווי תפילין. דורך דעם האט הערשל געקענט באהאלטן די תפילין. אמאל האט הערשל באהאלטן די תפילין אין די שניי און נאך דעם האט ער עס נישט געקענט טרעפן! ער איז געווארן זייער נערוועז, ווייל ער האט געשפירט אז די תפילין זענען געווען זיין "סגולה" וואס האבן אים מחזק געווען אין לאגער. ב"ה אז ער האט געטראפן די תפילין סוף כל סוף נאך אפאר מינוט זוכן אין דעם ווינטער קעלט.

שפעטער אין די מלחמה האט די דייטשע ימ"ש געשיקט הערשל מיט אנדערע אידן צו דעם געגענט פון דעם קריגערי ממש. הערשל האט געדארפט ארבעטן אין מיטן די שיסען און באמבעס זענען געפאלן ארום אים! וואו נאר ער איז אבער געגאנגען האט ער געהאלטן די תפילין ביי אים, די תפילה של ראש אין איין טאש און די תפילה של יד אין דעם אנדערען טאש. דורך אלעס האט ער געלייגט תפילין באהאלטענערהייט צוזאמען מיט די אנדער אידן אין מיטן דעם קאמף.

הערשל האט איבערגעלעבט די מלחמה דורך נסים און ער האט אלץ תולה געווען אין די זכות פון דער מצוה פון תפילין. אין חודש אדר תש"ד, זענען הערשל מיט זיינע חברים געווען אין די בערג אין ראמעניע. דעמאלט האבן די דייטשע ב"ה געהאלטן ביים פארלירן די מלחמה, אבער נעבעך האבן אסאך אסאך מער אידן אומגעקומען די לעצטע יאר און האלב פון דער מלחמה. ווען די דייטשע האבן זיך צוריקגעצויגן פון אלע לענדער צוריקגיינדיק קיין דייטשלאנד, האבן זיי מיטגעשלעפט אסאך אידישע ארבעטערס. פארשטייט זיך אז אסאך אידן האבן נישט דורכגעלעבט די לאנגע שווערע וועג. איין טאג האבן הערשל מיט די אנדערע בחורים געמאכט א פלאן צו אנטלויפן. ב"ה אז זיי האבן מצליח געווען אוועקצולויפן פון די דייטשע סאלדאטן וואס האבן זיי "באגלייט". די בחורים זענען געגאנגען העכער אויף די בערג, און זיי האבן זיך צוטיילט אין קליינע גרופעס. הערשל מיט זיינע גרופע האבן באגראבן א לאך אויפן זייט פונעם בארג וואו זיי האבן זיך באהאלטן. די דייטשע ימ"ש האבן זיי אבער נישט געוואלט אזוי שנעל אפלאזן, נאר זיי האבן ארומגעשיקט פאטראלס צו זוכן די אידן וואס האבן אנטלויפן.

הערשל מיט די אנדערע בחורים זענען געבליבן דעם גאנצע טאג אריינגעשטופט צוזאמען אין דעם קליינעם לאך. זיי האבן מורא געהאט ארויסצוגיין אין מיטן די טאג ווייל דעמאלט האבן די דייטשע געזוכט אידן. נאר ווען עס איז געקומען די נאכט האבן זיי געקענט ארויסגיין שעפן אביסל לופט. איין טאג פארטאגס, זענען הערשל מיט די אנדערע געווען אין דרויסן כדי צו לייגן תפילין און דאווענען, ווען זיי האבן געהערט די פוסטריט פון דייטשע סאלדאטן. הערשל האט געכאפט זיין תפילין און זיי זענען אלע שנעל אריינגעגאנגען אין זייערע לאך.

פלוצלינג איז אריינגעקומען צום לאך א ריזיגע דייטשע הונט. דער הונט איז געווען ממש פנים אל פנים קעגן די אידן. אבער, הפלא ופלא, האט דער הונט גאר נישט געבילט און גארנישט געטון צו זיי! דער הונט האט געוואלט ארויסגיין פונעם לאך אבער עס איז געווען צו ענג ווייל עס איז פיל געווען מיט די בחורים. הערשל האט געוויזן מיט זיין האנט אז אלע זאלן זיך צוזאמענקוועטשן כדי צו מאכן פלאץ פארן הונט ארויסצוגיין, און מיט א קליינע שטופ, איז דער הונט טאקע ארויסגעגאנגען! און די דייטשע באלד זענען אוועקגעגאנגען!

אמאל באלד נאך די מלחמה, ווען די רוסען ימ"ש האבן איבערגענומען אונגארן און אנדערע געגענטען, האט הערשל געוואלט פארן מיט'ן באן צווישן דעברעצין און גראסווארדיין. הערשל איז געפארן זוכן אידישע קינדער וואס האבן זיך באהאלטן צווישן גוים אין די מלחמה יארן. הערשל איז געשטאנען אויף אן אפענע פלאץ אויפן באן ווען דער באן האט פלוצלינג געמאכט א שארפע דריי. פרובירנדיג נישט אראפצופאלן פונעם באן, האט הערשל נעבאך אראפגעלאזט זיין תפילין זעקל וואס איז געפלויגן צום ערד לעבן דעם באן, און דער באן איז ווייטער געפארן! הערשל האט געזאגט צו זיינע ידידים אויפן באן אז ער וועט אראפגיין ביים קומענדיגען סטאנציע כדי צוריקצוגיין זוכן זיין תפילין. זיינע חברים האבן אים צוגערעדט אז ער זאל עס נישט טון, אבער ער האט גארנישט צוגעהערט צו זיי, ווייל די תפילין האבן געראטעוועט זיין לעבן אין די מלחמה!

פלוצלינג האט דער באן זיך אפגעשטעלט אינמיטן דעם וועג. הערשל איז גלייך אראפגעשפרינגען פונעם באן און ער האט גענומען צוריקגיין צו זוכן זיין תפילין, וואס ער האט ב"ה געטראפן א מייל פריער. שפעטער איז ער אנגעקומען קיין גראסווארדיין וואו ער האט צוזאמענגענומען פליטים און זיי צוגרייט צו ברענגען קיין באקארעסט. אבער ווען הערשל איז געווען אין דעם באן סטאנציע אין גראסווארדיין, האט אים אנגעכאפט א חבר וואס האט אים געזאגט אז ער טאר נישט צוריקפארן קיין בוקארעסט ווייל די רוסען האבן געזוכט הערשל. די קאמוניסטען ימ"ש האבן אים חושד געווען ווייל ער האט פארשפרייט אידישקייט וכו'. בקיצור, טאמער הערשל וואלט נישט צוריקגעגאנגען זוכן זיין תפילין, וואלט ער גענומען דעם פריערדיגע באן און ער וואלט שוין זיכער אנגעקומען קיין בוקארעסט, און דעמאלט וואלטן די רוסען אים געכאפט! די תפילין האבן אים נאכאמאל געראטעוועט! נישט נאר דאס אבער אויפן פלאץ האט יענער איד געבעטן צו לייגן די תפילין, א מצוה וואס ער האט שוין לאנג נישט מקיים געווען. און דורך דעם איז יענער געווארן ערליך נאכאמאל!

היינט ב"ה זענען מיר פריי צו מקיים זיין די הייליגע מצוה פון תפילין ווי עס דארף צו זיין. איז לאמיר זיך אלע נתחזק ווערן אין די גאר חשוב'ע מצוה פון תפילין. און דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין זיך צו באהעפטן צום אייבערשטען, אזוי ווי מען זאגט יעדן טאג: "וארשתיך לי לעולם. וארשתיך לי בצדק ובמשפט ובחסד וברחמים. וארשתיך לי באמונה, וידעת את ה'." **גוט שבת אלע אידן**